# ווערטער WOORDEN

**Willy Brill**

**אויפשטעלן**

שטעל אויף אלץ אויף וועטשערע
breng alles in gereedheid voor de avondmaaltijd
זי האָט אויפגעשטעלט א פּאָר אויגן
ze zette grote ogen op, ze was verbaasd
ער האָט אויפגעשטעלט די אויערן
hij spitste zijn oren

**אונטערשטעלן**

אונטערשטעלן א פוסבענקל פארן זיידן
voor opa een voetenbankje aanschuiven
אונטערשטעלן דעם קאָפּ פאר א חברטע
garant staan voor een vriendin
אונטערשטעלן א פיסל דעם חברל
je vriendje een pootje lichten / dwars liggen

**איבערשטעלן**

זי האָט שוין צען מאָל איבערגעשטעלט די מעבל
ze verplaatste wel tien keer de meubels
ער האָט געמיינט, ער קען איבערשטעלן די וועלט
hij dacht de wereld te kunnen veranderen

**אײַנשטעלן**

איך וועל  אײַנשטעלן פרײַנדשאפט מיט די שכנים
ik zal vriendschap aanknopen met de  buren
מע האָט אײַנגעשטעלט א באוווּסטן דיריגענט פארן כאָר
men heeft een bekende dirigent geëngageerd voor het koor
שטעל ניט אײַן דײַן פארמעגן, דײַן לעבן
zet je vermogen, je leven niet op het spel

**אָנשטעלן**

די כּלי-זמרים שטעלן אָן די כּלים זייערע
de muzikanten stemmen hun instrumenten
פריער האָבן זיי אָנגעשטעלט די פיס
zo-even stonden zij op het punt om weg te lopen
ער שטעלט אָן א פּנים פון א תּם
hij doet alsof hij onnozel is
דער אָרעמאן האָט זיך אָנגעשטעלט פאר א נגיד
de arme man deed zich voor als een rijke

**אָפּשטעלן**

מאָרגן וועלן מיר אָפּשטעלן די ארבעט
morgen onderbreken we het werk
אלע קאָנצערטן זענען אָפּגעשטעלט אויף שפּעטער
alle concerten zijn uitgesteld
דער צוג פאָרט אָן אָפּשטעל
de trein rijdt non-stop

**פארשטעלן**

די הימלען בלײַענע פארשטעלן בלויע טעג
de loodgrauwe hemel verhult de lichtende dag